**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פארלאנגט א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע פון פרעזידענטביידן צו פארזיכערן פעדעראלע הילף פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שרעקליכע פארפלייצונגען**

***גאווערנער האקול פארלאנגט אויך פארשנעלערטע FEMA שאדן אפשאצונג פראצעדור, אזוי ווי סטעיט דיזעסטער פארטרעטער געפונען זיך שוין אויפן שטח און פירן דורך שאדן אפשאצונגען אין שווערסטע באטראפענע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארלאנגט פון פרעזידענט ביידן צו ארויסגעבן א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון קאמיוניטיס וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך שווערע פארפלייצונגען פאראורזאכט דורך די שווערע רעגנס די וואך, פארשפרייט אריבער א גרויסע חלק פון אפסטעיט ניו יארק. אויב די פארלאנג וועט ערפילט ווערן, וועט די דעקלעראציע ערמעגליכן קריטישע פינאנציעלע הילף וואס וועט שטיצן ערהוילונג און איבערבויאונג באמיאונגען אין אלבאני, קלינטאן, דאָטשעס, עסעקס, העמילטאן, אָנטאַריאו, ארּאנדזש, אָסוועגאָו, פּאָטנעם, רענסעליער, ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס, מיט די געלעגנהייט פאר נאך קאונטיס צו צוגעלייגט ווערן אין די קומענדיגע וואכן אזוי ווי די שאדן אפשאצונג פראצעדור גייט ווייטער. אין צוגאב, פארלאנגט גאווערנער האקול פעדעראלע שטיצע פאר היים אייגנטימער אין אָנטאַריאו און ארּאנדזש קאונטיס, און אזוי אויך א פארשנעלערטע שאדן אפשאצונג פראצעדור. ניו יארק וועט אויך ארבעטן צוזאמען מיט די פאראייניגטע שטאטן קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (Small Business Administration) צו ארבעטן צו ארויסגעבן ערהוילונג הלוואות מיט נידעריגע ריבית פאר באטראפענע פריוואטע ביזנעסער אין די קומענדיגע וואכן.

"מיין אדמיניסטראציע איז נישט קיין פרעמדער צו עקסטרעמע וועטערס, און די וועטער פון די פארגאנגענע וואך האט געוויזן נישט נאר אז מיר דארפן פעדעראלע הילף זיך צו ערהוילן פון די שטורעמעס, נאר אויך אז רעגירונג פירער אויף אלע שטאפלען דארפן דאס שטעלן אלץ פריאריטעט צו מאכן אונזער אינפראסטרוקטור מער שטאנדהאפטיג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך האב גערעדט מיט דעם ווייסן הויז, אונזערע סענאטארן און FEMA פירערשאפט איבער די נויט פאר א שנעלע באשטעטיגונג פון די דיזעסטער דעקלעראציע, כדי מיר זאלן קענען העלפן ניו יארקער זיך ערהוילן שנעל און ווירקזאמערהייט."

א 'מעידזשאר דיזעסטער' דעקלעראציע פארזיכערט פינאנציעלע הילף פון די פעדעראלע רעגירונג, הויפטזעכליך דורך [FEMA'ס פובליק הילף פראגראם](), צו צושטעלן פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען, שבטים און בארעכטיגטע נאנ-פּראפיט ארגאניזאציעס צו אוועקנעמען אפפאל, שוץ מאסנאמען און פאררעכטונגען צו געביידעס און אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג שאסייען, בריקן, וואסער און אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען, קריטישע אינפראסטרוקטור פלעצער, סקולס, פארקס און אנדערע איינריכטונגען.

נאכפאלגנדיג א קאטאסטראפע, ארבעט די קאטאסטראפע ערהוילונג איינהייט ( Disaster Recovery Unit) פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) דירעקט מיט בעאמטע פון די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור (Federal Emergency Management Agency, FEMA) און מיט באטראפענע לאקאלע רעגירונגען צו אפשאצן די שאדנס וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך- און קאסטן פארבינדן מיט- די קאטאסטראפע. איינמאל די אפשאצונגען זענען פארטיג, גיבט FEMA ארויס א באשלוס אויב די סטעיט און באטראפענע קאונטיס קומען נאך די פארלאנגטע פעדעראלע באדינגונגען פון שאדנס כדי צו דעקלערט ווערן א 'מעידזשאר דיזעסטער'.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ניו יארק איז שווער באטראפן געווארן מיט שווערע רעגנס און חורבנות'דיגע פארפלייצונגען די וואך, און מיר דארפן צוקומען צו פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן די לאנג-טערמיניגע ערהוילונג פון באטראפענע קאמיוניטיס. א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, ארבעטן אונזערע מאנשאפטן האנט ביי האנט מיט אונזערע לאקאלע און פעדעראלע שותפים צו שטיצן ערהוילונג באמיאונגען ווי שנעל און גלאט ווי עס איז נאר מעגליך."

פון יולי 9 ביז 10 זענען מער פון אכט אינטשעס רעגן באריכטעט געווארן אין חלקים פון די מיד-האדסאן ראיאן און מער פון פינף אינטשעס רעגן אין אָנטאַריאו קאונטי אין די פינגער לעיקס ראיאן. פון יולי 10 ביז 11 האבן חלקים פון די נארט קאנטרי געזעהן עטליכע אינטשעס רעגן אין א קורצע צייט אפשניט וואס האט פאראורזאכט שווערע פארפלייצונגען, אפשפארנדיג שאסייען און שעדיגנדיג אינפראסטרוקטור אין באטראפענע ראיאנען.

בעפאר די שטורעם האט גאווערנער האקול פאראָרדנט סטעיט אגענטורן צו [צוגרייטן עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען](#) און צו שטייען אין כסדר'דיגע פארבינדונג מיט לאקאלע רעגירונגען צו נאכפאלגן די השפעות פון די וועטער און זיך אפרופן צו פארלאנגען פאר הילף. אזוי ווי די שטורעם האט זיך אריבערגערוקט די סטעיט, האט די גאווערנער [פארגעזעצט ארויסצושיקן קאטסטראפע הילפס-מיטלען](#) צו באטראפענע ערטער, אריינרעכענענדיג נאך טראנספארטאציע דעפארטמענט איינגעשטעלטע, וועלכע האבן געארבעט צו צוריק עפענען די סטעיט הייוועיס און בריקן ווי שנעלער.

אין צוגאב האט גאווערנער האקול [ארויסגעשיקט איינגעשטעלטע](#) פון די סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) צו צושטעלן אינשורענס הילף פאר איינוואוינער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך פארפלייצונגען אין ראקלענד און אראנדזש קאונטיס. מענטשן קענען אויך אנרופן די DFS דיזעסטער האַטליין אויף 339-1759 (800).

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס**
די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, און זיך ערהוילן פון טעראר און אנדערע מענטשליך-פאראורזאכטע און נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די [DHSES](#) Facebook בלאט, פאַלאָוט [@NYSDHSES](#) אויף Twitter און [Instagram](#) אדער באזוכט [dhses.ny.gov](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן